

# העפאטייטיס C
# און אייער לעבער

ווערט אונטערזוכט.
ווערט געהיילט!






אייער לעבער האלט אייך געזונט אין פיל וועגן. עס נעמט ארויס טאקסינס פון אייער בלוט און העלפט טראנספארמירן עסנווארג צו ענערגיע.

העפּאַטייטיס מיינט לעבער אנטצינדונג. עס זענען פאראן פארשידענע סארטן העפּאַטייטיס **העפּאַטייטיס C** (פעה C) ווערט פאראורזאכט דורך א ווירוס וואס אינפעקטירט די לעבער. דער ווירוס ווערט אריבערגעפירט דורך בלוט.

## העפ C קען פירן צו ערנסטע געזונטהייט פראבלעמען:

- לעבער שאדן
- סיראסיס
- לעבער פעליור
- לעבער קענסער




העפ C קען אפילו פאראורזאכן טויט.

## סימפטאמען

פיל מענטשן מיט העפ C **האבן נישט** קיין סימפטאמען און ווייסן נישט אז זיי זענען אינפעקטירט. סימפטאמען קענען דויערן ביז 30 יאר זיך צו אנטוויקלען. ווען סימפטאמען ערשיינען יא, זענען זיי אפטמאל א צייכן פון שווערע לעבער קראנקהייט.

סימפטאמען און צייכנס פון העפ C קענען אריינרעכענען:

- פיבער
- פארמאטערטקייט
- פארלוסט פון אפעטיט
- איבלונג
- ברעכן
- בויך ווייטאג
- טונקעלע אורין
- גרוי-קאלירטע סטולס
- דזשוינט ווייטאג
- געלבזוכט (דזשאונדיס)

**אויב איר האט העפ C, זענט איר נישט אליין.**

כמעט **4 מיליאן** מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן האבן העפ C.

כמעט **150,000** מענטשן וואס וואוינען אין ניו יארק סיטי האבן העפ C.

ווערט געוואר מער וועגן העפ C און מאכט די בעסטע באשלוסן פאר אייער געזונטהייט: באזוכט nyc.gov/health/hepC

## שטאפלען פון העפ C

**אקיוט העפ C** באציעט זיך צו די ערשטע זעקס מאנאטן פון אינפעקציע.

- טייל מענטשן וואס ווערן אינפעקטירט ווערן געהיילט פון העפ C פון זיך אליין אינערהאלב זעקס מאנאטן.
- רוב מענטשן האבן נישט קיין סימפטאמען אינעם אקיוט שטאפל.

**כראנישע העפ C** באציעט זיך צו א לאנג-טערמיניגע אינפעקציע.

- רוב מענטשן וואס ווערן אינפעקטירט מיט העפ C וועלן אנטוויקלען כראנישע אינפעקציע.
- כראנישע העפ C קען פאראורזאכן לעבער אינפלאמאציע און סקארינג וואס קען פירן צו מעסיגע לעבער שאדן (פיבראסיס) און ערנסטע לעבער שאדן (סיראסיס).
- מענטשן מיט סיראסיס זענען אין גרעסערע געפאר פון לעבער פעליור, לעבער קענסער און אפילו טויט.
- לעבער שאדן פאסירט אפט צוביסלעך, איבער 20 ביז 30 יאר.




## העפ C און אייערע לעבער געזונטהייט טעסטס

אייער העלט קעיר פראווידער קען דורכפירן טייל פון די טעסטס כדי צו באשטעטיגן אז איר האט העפ C אדער צו אויסגעפינען ווי אזוי העפ C אפעקטירט אייער געזונט:

### בלוט טעסטס

- **העפ C אנטיבאדי טעסט:** צייגט אויב איר זענט שוין אמאל געווארן אינפעקטירט מיט די העפ C ווירוס. אויב דער טעסט איז פאזיטיוו, וועט איר דארפן נעמען נאך א טעסט (די העפ C RNA (ריבאנוקליעק עסיד) טעסט) צו זען אויב איר האט העפ C יעצט.

- **העפ C RNA (ווייִרעל לאוד) טעסט:** צייגט וויפיל העפ C ווירוס איז יעצט אין אייער בלוט (ווייִרעל לאוד). אויב דער טעסט איז פאזיטיוו, מיינט דאס אז איר זענט יעצט אינפעקטירט מיט העפ C.

  אויב איר גייט ארויף אויף העפ C באהאנדלונג, וועט אייער העפ C RNA ווערן אונטערזוכט בשעת און נאך באהאנדלונג צו אויסגעפינען אויב די באהאנדלונג ארבעט. אויב די באהאנדלונג איז ערפאלגרייך, וועט די ווייִרעל לאוד אראפלאזן ביז זערא (אומדערשפירבאר) און בלייבן דארט. אויב אייער ווייִרעל לאוד איז נאך אלס דערשפירבאר 12 וואכן נאך באהאנדלונג, וועט איר האבן עררייכט א סאסטעינד ווייראלאדזשיק רעספאנס (SVR), וואס מיינט אז איר זענט געהיילט. איר וועט דארפן האבן די רעזולטאטן פון דעם ענדגילטיגן SVR בלוט טעסט צו באשטעטיגן אז איר זענט געהיילט.

- **העפ C דזשינאטייפ טעסט:** צייגט וועלכע סארט העפ C איר האט. וויסן אייער דזשינאטייפ העלפט אייער העלט קעיר פראוויידער אויסקלויבן די בעסטע באהאנדלונג פאר אייך.

- **לעבער פונקציע טעסטס (LFT's):** מעסטן ווי גוט דער לעבער ארבעט. הויכע שטאפלען קען מיינען אז איר האט לעבער אינפלאמאציע אדער שאדן.

- **לעבער פיבראסיס טעסטס:** קוקן וויפיל לעבער שאדן (פיבראסיס) עס איז דא.

## FibroScan

נישט-אריינדרינגענדע אימעדזשינג טעסט וואס צייגט לעבער שאדן דורכן צושטעלן א בילד פונעם פארעם, מאס אדער שטייפקייט פון די לעבער.

## לעבער ביאפסיע

ארויסנעמען א קליין שטיקל לעבער טישו מיט א נאדל. די טישו ווערט אונטערזוכט אונטער א מייקראסקאופ פאר שאדן אדער קראנקהייט.

## לעבער קענסער סקרינינג טעסטס

בלוט טעסטס אדער אלטראסאונד אונטערזוכונגען זענען רעקאמענדירט יעדע זעקס מאנאטן פאר מענטשן מיט סיראסיס.

ווערט אונטערזוכט! עס איז די אייִנציגסטע וועג צו וויסן אויב איר האט העפ C.

# אויב איר האט העפ C,



## באקומט באהאנדלונג פון א העלט קעיר פראוויידער וואס ווייסט וועגן העפ C

זעט אייער העלט קעיר פראוויידער רעגלמעסיג צו מאכן זיכער אז איר בלייבט געזונט.

אפילו אויב איר שפירט זיך אויסגעצייכנט, קען אייער לעבער האבן פראבלעמען.

אייער העלט קעיר פראוויידער וועט אייך העלפן מאכן די בעסטע באשלוסן צו פארבעסערן אייער געזונט און באשיצן אייער לעבער.

## באהאנדלען העפ C צו היילן אינפעקציע

רוב מענטשן מיט העפ C קענען ווערן **אויסגעהיילט** דורכן נעמען אנטיווייראל מעדיצין פאר עטליכע מאנאטן. ווערן אויסגעהיילט מיינט אז קיין ווירוס ווערט נישט געפינען אין די בלוט עטליכע מאנאטן נאכן ענדיגן באהאנדלונג.

א דאנק **נייע העפ C אנטיווייראל מעדיצין**, איז באהאנדלונג יעצט גרינג, קורץ און היילט כמעט אלע מענטשן מיט העפ C, אריינגערעכנט מענטשן וואס זענען HIV (יומען אימיונאדעפישינסי ווירוס) פאזיטיוו און די וואס נוצן אקטיוו אלקאהאל אדער דראגס.

| יעצטיגע העפ C באהאנדלונג |
|---|
| **האלט געווענליך אן צוויי ביז דריי מאנאטן** |
| **אפטמאל בלויז איין פיל א טאג** |
| **מילדע זייטיגע ווירקונגען** |
| **ביליגע אדער אומזיסטע באהאנדלונג איז אוועילעבל** |
| **באהאנדלט אלע דזשינאטייפס** |

**כמעט אלע פאציענטן קענען ווערן געהיילט.**

העפ C מעדיצינען שטעלן אפ דעם ווירוס פון זיך פארמערן, וואס מיינט אז **עס איז נישט בלויז רימישאן, עס איז א היילונג!**

**עס איז נישטא קיין העפ C וואקסין אדער אימיוניטי.** אפילו אויב איר ווערט באהאנדלט אדער געהיילט, קענט איר שטענדיג נאכאמאל באקומען העפ C. פארמיידט ווידער-אינפעקטירונג דורכן זיך באשיצן פון זיין אויסגעשטעלט צו בלוט.

## באשיצט אייער געזונט

**אויב איר האט העפ C אדער סיראסיס, איז די זיכערסטע נישט צו טרינקען אלקאהאל בכלל.**

אלקאהאל פאראורזאכט לעבער שאדן. פארמיידן אלקאהאל איז איינע פון די וויכטיגסטע זאכן וואס איר קענט טון צו באשיצן אייער לעבער. ווערט געוואר עצות פארן פארמינערן טרונקען אויף **rethinkingdrinking.niaaa.nih.gov**.

**אויב איר דארפט הילף מיטן פארמינערן אלקאהאל, רעדט מיט אייער העלט קעיר פראוויידער אדער רופט 311.**

**פרעגט אייער העלט קעיר פראוויידער פארן נעמען איבער-די-קאונטער מעדיצינען, נאטורליכע מעדיצינען, וויטאמינען אדער סופלעמענטן.**

טייל איבער-די-קאונטער מעדיצינען אזוי ווי אסעטימינאפען (Tylenol), וויטאמינען אדער סופלעמענטן אזוי ווי אייזן, הערבס אדער "נאטורליכע דראגס" קענען זיין געפארפול פאר אייער לעבער. זאגט פאר אלע אייער העלט קעיר פראוויידערס אז איר האט העפ C כדי זיי זאלן אייך קענען העלפן פארמיידן מעדיצינען וואס קענען שעדיגן אייער לעבער.

**עסט א געזונטע דיעטע, מאכט איבונגען און האלט אן א געזונטע קערפערליכע וואג.**

**באקומט שטיצע.** טיילט מיט אייערע געפילן מיט אייער העלט קעיר פראוויידער און מענטשן וועמען איר געטרויעט.

נעמט אין באטראכט זיך צו אנשליסן אין א העפ C סופארט גרופע פערזענליך אדער אנליין. באזוכט **HepFree.nyc** פאר מער אינפארמאציע.

אויב איר דארפט הילף מיט אייערע געפילן, רעדט מיט אייער העלט קעיר פראוויידער אדער רופט **311**.

## פראגעס צו פרעגן א העלט קעיר פראוויידער

- איך וואלט געוואלט ווערן אונטערזוכט פאר העפ C וויבאלד איך קלער אז איך בין אין ריזיקע באזירט אויף די ליסטע אויף בלאט 9. קענט איר מיך אונטערזוכן פאר העפ C?
- וואס מיינען מיינע טעסט רעזולטאטן?
- איז מיין לעבער געשעדיגט? אויב אזוי, ווי ווייט איז מיין לעבער געשעדיגט?
- זאל איך נעמען וואקסינען פאר אנדערע קראנקהייטן אזוי ווי העפ A, העפ B אדער די פלו כדי צו באשיצן מיין געזונטהייט?
- וואס איז די בעסטע וואג, דיעטע און איבונגען רוטין פאר מיר?
- וואס איז די בעסטע באהאנדלונג פאר מיין העפ C?
- איז פארזיכערט פאר מיר צו נעמען מיינע מעדיצינען (אריינגערעכנט איבער-די-קאונטער מעדיצינען), הערבס, וויטאמינען און סופלעמענטן?
- איך וואלט געוואלט ווערן באהאנדלט כדי צו היילן העפ C. וואספארא שריט זאל איך נעמען כדי צו ווערן געהיילט?
- ווי אזוי קען איך באצאלן פאר מיין העפ C באהאנדלונג?



# באשיצט אנדערע פון העפ C

דער העפ C ווירוס קען וואוינען אינדרויסן פונעם קערפער.

- **אויב איר שפריצט איין דראגס, נוצט נאר נייע אדער סטערילע דראג באנוץ עקוויפמענט אדער "ווארקס"**, אזוי ווי נאדלען, סירינדזשעס, קאטאן, קאפס, רעיזארס, שניידערס, שווענק וואסער, קאכערס, שטרויען אדער פייפס.
- **טיילט נישט מיט קיין פערזענליכע** קעיר ארטיקלען אזוי ווי ציין-בערשטלעך, רעיזארס, נאדלען, נעגל פיילס, נעגל שניידערס, נעגל שערלעך אדער שמאטעס וואס קענען האבן אנגערירט בלוט.
- **באדעקט שניטן און אפענע וואונדן** מיט באנדאזשן, און מאכט זיכער אז מענטשן רירן נישט אן אייער בלוט.
- **האט פארזיכערטע געשלעכט.** אויב איר האט מערערע געשלעכטליכע פארטנערס אדער אויב איר האט HIV אדער א געשלעכטליך אריבערגעפירטע אינפעקציע (STI), נוצט קאנדאמס יעדעס מאל.
- **רייניגט אויסגעגאסענע** בלוט מיט בליטש געמיש (אין טייל בליטש און ניין טיילן וואסער).
- **אויב איר זענט שוואנגערדיג, רעדט וועגן העפ C מיט אייער העלט קעיר פראוויידער.** העפ C קען ווערן אריבערגעפירט פון מאמע צו בעיבי בשעת שוואנגערשאפט אדער געבורט.



### געווענליכע באריגונג איז פארזיכערט

איר קענט **נישט** פארשפרייטן העפ C דורך ניסן, הוסן, קושן, האלזן, געבן די האנט אדער רעדן, אדער דורכן מיטטיילן עסצייג, טרונק גלעזער, עסנווארג אדער טרונקען וואסער. איר זאלט נישט ווערן ארויסגעשטעלט פון ארבעט, שולע, שפילן אדער טשיילד קעיר אויב איר האט העפ C.

# אינפארמאציע און ריסאורסעס

**ניו יארק סיטי אפטיילונג פון געזונטהייט**
רופט 311 אדער באזוכט **nyc.gov/health/hepC**

**ביליגע העפ C העלט קעיר ביי ניו יארק סיטי פובליק שפיטעלער**
**nyc.gov/hhc**

**טרעפט העלט אינשורענס**
**access.nyc.gov**

**צענטערן פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג**
**cdc.gov/hepatitis**

**אמעריקאנער לעבער פאונדעישאן**
העפ C הילפליניע, העלט קעיר פראווייידער לאקעיטער און אנליין
סופארט גרופע: 800-465-4837 אדער **liverfoundation.org**

**שאדן פארמינערונג ריסאורסעס**
**harmreduction.org**

**ניו יארק סיטי העפ C טעסק פארס**
**HepFree.nyc**

# העפ C ריזיקע אפשאצונג

- ☐ זענט איר געבוירן געווארן צווישן 1945 און 1965?
- ☐ האט איר אמאל איינגעשפריצט דראגס, הארמאנען, סטערוידס, סיליקאן אדער קאזמעטיקס - אפילו אויב עס איז בלויז געווען איין מאל א לאנגע צייט צוריק?
- ☐ האט איר געהאט א בלוט טראנספיוזשאן אדער ארגאן איבערפלאנצונג איידער 1992?
- ☐ זענט איר פאזיטיוו HIV?
- ☐ זענט איר געבוירן געווארן אין מצרים, פאקיסטאן, רוסלאנד אדער די געוועזענער סאוויעט רעפובליק?
- ☐ האט איר אמאל איינגעאטעמט (סנארטעד) דראגס?
- ☐ האט אייער מוטער געהאט העפ C ווען איר זענט געבוירן געווארן?
- ☐ האט איר אמאל באקומען א טאטו אדער פיערסינג פון סיי וועמען אויסער א לייסענסד פראפעסיאנאל?
- ☐ האט איר געהאט אבנארמאלע לעבער טעסטס אדער האט מען אייך געזאגט אז איר האט לעבער קראנקהייט?
- ☐ זענט איר אמאל געווען אויף לאנג-טערמיניגע דיאליסיס?
- ☐ זענט איר אמאל געווארן אויסגעשטעלט צו בלוט אדער געשטאכן געווארן מיט א נאדל ביי דער ארבעט?
- ☐ זענט איר אמאל געווען אין טורמע?
- ☐ זענט איר א מאן וואס האט געשלעכטליכע באציאונגען מיט מענער?
- ☐ האט איר געשלעכטליכע באציאונגען מיט מערערע פארטנערס?

אויב איר האט געענטפערט "יא" צו סיי וועלכע פון די פראגעס, זענט איר אין ריזיקע פון העפ C. רעדט צו אייער העלט קעיר פראוויידער, באזוכט **nyc.gov/health/hepC** אדער אימעיל'ט **hep@health.nyc.gov** אויסצוגעפינען מער וועגן ווערן אונטערזוכט.

**ווערט אונטערזוכט. ווערט געהיילט!**

ווערט **אונטערזוכט**. ווערט **געהיילט!**

NYC Health

DIS1914510 - 4.22 Yiddish